השלמה
משנת תשפ"ג

# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

**פרשת וארא משנת תשפ"ג לפ"ק**

### בסעודת הברית של בן הר"ר שמואל לוי וויטריאל הי"ו

יום ג' פרשת וארא תשפ"ג לפ"ק

**רש"י** אין פרשת בא (שמות יב-ו) ברענגט צו אז ווען אידן זענען ארויס פון מצרים, ואת ערום ועריה (יחזקאל טז-ז), מען האט נישט געהאט קיין מצות זכותים, זיי זאלן קענען ארויסגיין, האט דער אייבערשטער זיי געגעבן מצות מילה, ואת עירום ועריה ואעבור עליך ואראך מתבוססת בדמיך ואומר לך בדמיך חיי. עס איז דא כמה מצות וואס דער אייבערשטער וואלט געקענט געבן, ער האט אויסגעקליבן מצות מילה אז אין דעם זכות זאלן זיי קענען ארויסגיין פון מצרים.

**מען** געפונט די פאריגע וואך אין די פרשה, דער באשעפער שיקט משה רבינו ער זאל אויסלייזן אידן, משה רבינו האט זיך געדינגען מיטן אייבערשטן, מי אנכי כי אלך אל פרעה (שמות ג-יא), ווער בין איך איך זאל גיין. רש"י טייטשט איך בין נישט ראוי איך זאל זיין א שליח אויסצולייזן און רעדן צו פרעה.

**נאכדעם** האט ער געפרעגט, וכי אוציא את בני ישראל מארץ מצרים, א צווייטע שאלה. וואס פאר א זכות האבן אידן אז זיי זאלן קענען ארויסגיין פון מצרים?

**דער** אייבערשטער האט אים געענטפערט אויףביידע. דו פרעגסט ווער דו ביסט צו גיין צו פרעה. אנכי אהיה עמך, איך וועל מיטגיין מיט דיר. וזה לך האות כי אנכי שלחתיך, רש"י טייטשט, אז דאס וואס איך האב זיך באוויזן צו דיר אין סנה דאס איז אן אות אז איך האב דיר געשיקט. דו פרעגסט און וואס פאר א זכות האבן אידן ארויסצוגיין, בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה, מען וועט מקבל זיין די תורה, און על שם העתיד וועלן זיי ארויסגיין פון מצרים. — קומט אויס, אז גאנץ יציאת מצרים איז ווייל די אידן וועלן מקבל זיין די תורה.

**קבלת** התורה האט נאר א חשיבות אז מען איז גע'מל'ט קודם. אזוי שטייט אין מדרש (תנחומא משפטים ה), אז מען קען נישט פארשטיין קיין תורה ביז מען איז נישט גע'מל'ט, מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל לא עשה כן לכל גוי (תהלים קמז-יט), ביז ווילאנג מען איז נישט גע'מל'עט קען מען נישט פארשטיין קיין תורה.

**קומט** אויס אז דער זכות פון אידן ארויסצוגיין פון מצרים איז ווייל מען וועט מקבל זיין די תורה, מוז קודם זיין מצות מילה כדי אז מען זאל קענען פארשטיין וואס מען לערנט.

**די** אותיות פון די תורה איז דאך דא צוויי און צוואנציג אותיות, פון א' ביז ת', ביז יו"ד איז דא צען, כ' איז די עלעפטע אות, ל' איז די צוועלפטע אות. ל' איז לימוד דאס ווייזט אויף די מצוה פון

לימוד התורה. ל׳ איז די גרעסטע אות, און די חשוב׳סטע פון אלעם איז תורה.

**משה** רבינו האט געפרעגט וכי אוציא את בני ישראל ממצרים, וואס פאר א זכות האבן אידן ארויסצוגיין פון מצרים, האט דער אייבערשטער אים געענטפערט, וזה לך האות, ז"ה איז צוועלף, דער צוועלפטער אות וואס איז דא אין די אל"ף בי"ת דאס איז דער ל׳ דאס איז דער אות כי אנכי שלחתיך, אז וועגן דעם האב איך דיך געשיקט, ווייל בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה.

**אבער** כדי אז מען זאל קענען פארשטיין תורה, דארף מען האבן מצות מילה, האט דער אייבערשטער געהייסן זיך קודם מל׳ן אין דעם זכות וואס זיי וועלן זיך מל׳ן וועלן זיי קענען פארשטיין די תורה וועלן זיי האבן א זכות ארויסצוגיין פון מצרים.

**נו**, די ערשטע זאך וואס מען ברענגט אריין א קינד אין קדושה, איז ברית מילה, וועגן דעם וואונטשט מען אן כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה, אן ברית מילה קען מען נישט צוקומען צו קיין תורה.

## מתוך דברי תורה בסעודה שלישית פרשת וארא תשפ"ג לפ"ק

שנאמרו בסוף השיעור השבועי בבית מדרשנו בבארא פארק

יום א׳ פרשת בא תשפ"ג לפ"ק

**מען** געפינט סוף פון די פאריגע פרשה, משה רבינו האט זיך אפגערעדט פארן אייבערשטן, למה הרעתה לעם הזה למה זה שלחתנו (שמות ה-כב), פארוואס האסטו שלעכטס געטון פאר אידן פארוואס האסטו מיך געשיקט, זייט איך בין געקומען צו פרעה איז תכבד העבדה, הרע לעם הזה והצל לא הצלת את עמך. און דער אייבערשטער דבר אתו משפט, דער אייבערשטער האט גערעדט מיט אים שטרענגע רייד אויף דעם על שהקשה לדבר ולומר למה הרעת, וידבר אלקים אל משה ויאמר אליו אני ה׳ וארא אל אברהם אל יצחק, און זיי האבן זיך נישט אפגערעדט אויף מיר און דו רעדסט דיך אפ. וגם אני שמעתי את נאקת בני ישראל אשר מצרים מעבדים אתם, איך האב אויך געהערט די געשריי פון אידן, ואזכר את בריתי.

**קודם** בעפאר מען קומט צו צום ענין. מען זעהט אז די שאלה פון משה רבינו איז איינס פארן לעצטן פסוק פון פרשת שמות, די תשובה וואס דער אייבערשטער האט אים געענטפערט איז אין פרשת וארא. געווענליך א שאלה מיט א תשובה קומט איינס מיט דאס אנדערע, אדער די שאלה וואלט אויך געדארפט זיין אנהייב פון די פרשה, אדער די תשובה וואלט געדארפט צו זיין אין סוף פון די פריער׳דיגע פרשה? דער אייבערשטער האט אפגעטיילט, די שאלה איז דא און די תשובה איז דארטן. די תורה לערנט דאך יעדע זאך וויאזוי מען דארף זיך צו פירן. די תורה לערנט אונז, אז טאמער איינער זאגט דיר קריטיק ער רעדט זיך אפ אויף דיר, ענטפער אים נישט תיכף, געב עס צייט א וואך איבערצוטראכטן, דו האסט אים צייט צו ענטפערן שפעטער. אויב דו וועסט אים ענטפערן תיכף וועסטו זאגן א ווארט וואס מען דארף נישט צו זאגן, און עס וועט קומען א פייער מיט א מחלוקת, זאג עס נישט תיכף.

**רש"י** (ויקרא א-א) זאגט, יעדע פרשה וואס איז דא אין די תורה איז דאך כדי ליתן ריווח בין פרשה לפרשה להתבונן, דאס איז דער ענין וואס איז אפגעטיילט די פרשה, משה רבינו האט גערעדט למה הרעתה לעם הזה. די תשובה, איך ענטפער דיר נישט יעצט, אין די קומענדיגע פרשה וועל איך דיר ענטפערן, איך וועל דיר ענטפערן רוהיג. — כאטשיג ביים אייבערשטן איז עס

נישט שייך צו זאגן, אבער דער אייבערשטער האט אונז געלערנט אין די תורה וויאזוי א מענטש דארף זיך פירן, טאמער מען זאגט אים עפעס וואס ער האט נישט געדארפט צו זאגן, וויאזוי מען דארף צוריק ענטפערן.

**משה** רבינו פרעגט למה הרעתה לעם הזה, און דער אייבערשטער זאגט אים, וידבר אלקים אל משה ויאמר אליו אני ה', ער הייבט אן מיט אלקים דבר אתו משפט, און ער זאגט אים נאכדעם דעם שם הוי' וואס דאס איז מדת הרחמים.

**גלות** מצרים וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, איז געווען א סיבה. פארוואס איז געווען גר יהיה זרעך בארץ לא להם ועבדים וענו אותם ארבע מאות שנה (בראשית טו-יג), פארוואס קומט זיך עס? דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו ווען ער האט אים געזאגט אז איך וועל דיר געבן קינדער, האט אים דער אייבערשטער תיכף געזאגט גר יהיה זרעך בארץ לא להם. דאס האט אויף זיך אליין א קשיא, אברהם אבינו שרייט הנה אנכי הולך ערירי ובן משק ביתי יורש אותי. דער אייבערשטער זאגט אים בארוהיג דיך, איך וועל דיר געבן א קינד. יא איך וועל דיר געבן א קינד דו זאלסט וויסן מען וועט אים פייניגן פיר הונדערט יאר... דאס קומט צוזאגן צוזאמען? דער אייבערשטער וויל ברענגען גירות, זאג עס אים נישט יעצט, זאג עס אים שפעטער, פארוואס האט דער אייבערשטער עס צוזאמגעשטעלט צוזאמען?

**נאר** דאס אז די אידן זענען געווען אין גלות אין מצרים, איז געווען צו מקבל זיין די תורה, א מענטש האט א חומר א מענטש האט דעם גוף דאס גליסט צו גשמיות'דיגע זאכן, עס איז זייער ווייט ער זאל זיך קענען מכניע זיין און נעמען אויף זיך צו האלטן זעקס הונדערט און דרייצן מצות, יעדע ריר וואס ער טוט זאל זיין אויסגערעכנט וואס מען דארף צו טוען און וואס נישט. מען זעהט די אומות העולם קיין איינער האט נישט געוואלט מקבל זיין די תורה, מען קען נישט נעמען אויף זיך אזא עול תרי"ג מצות התורה. אידן האבן יא גענומען. תיכף נאך מען איז ארויס פון מצרים האבן אידן געזאגט נעשה ונשמע, לשון שמלאכי השרת משתמשין בו. וויאזוי? ווי קומט עס צו אידן זאלן קענען זאגן אזא ווארט? נאר אז מען צעברעכט דעם חומר, מען צעברעכט זיך די גוף, לייכט די נשמה.

**אזוי** דער אייבערשטער האט געוואלט אז אידן זאלן זיין אן עם הנבחר מקבל צו זיין די תורה, האבן זיי געמוזט אדורכגיין טרעניג אין מצרים זיך צוצוברעכן און זיין בשיעבוד און זיין נכנע און זיין א שפלות און פאלגן אלעס וואס מען זאגט, דאס האט געגעבן דעם כח פאר'ן כלל ישראל שפעטער אז ווען מען דארף מקבל זיין די תורה זאל מען קענען זיין נכנע אונטערן אייבערשטן. דאס איז נישט געווען פאר שלעכטס פאר אידן, דאס איז געווען די התחלה פון קבלת התורה אז מען זאל עס קענען מקבל זיין. – לא עלינו ווען א מענטש איז נישט געזונט, דער דאקטער נעמט אים און ער שניידט און אפעריירט אים וכדומה, דאס איז נישט שלעכטס, דאס איז די גרעסטע טובה וואס ער קען טוען פאר דעם מענטש מיט דעם וועט ער אים היילן. ווען איינער וועט זאגן פאר'ן דאקטער, דו ביסט אן אכזר וואס דו טוסט, איך לאז נישט דו זאלסט עס טוען, איך האב רחמנות אויף אים, דער וואס זאגט ער האט רחמנות, דער איז דער אכזר, ווייל דער מענטש וועט אויסגיין, און דער דאקטער וואס טוט עס ער איז דער בעל הרחמים. עס איז דא זאכן וואס בעצם איז עס שלעכטס, עס איז ווייטאגליך, אבער אז מען טוט עס פאר א צוועק וואס דער צוועק איז חשוב, דעמאלטס איז עס נישט קיין ווייטאג.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו דו גייסט האבן קינדער הבט נא השמימה וספור הכוכבים אם תוכל לספר אותם, ויאמר לו כה יהיה זרעך (שם טו-ה), דו גייסט האבן קינדער זיי וועלן לייכטן ווי שטערנס אין הימל. וויאזוי קענען זיי לייכטן, ווי קען א חומר א בשר ודם מקבל זיין די תורה? האט דער אייבערשטער צוגעגעבן תיכף, איך וועל נעמען דעם כלל ישראל כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם ועבדום וענו אותם, מען וועט ארויסקומען פון דארטן א

מזוכּכ'דיג פאלק דורכדעם וואס מען איז אדורכגעגאנגען. עס וועט קומען צו קבלת התורה, זיי וועלן קענען מקבל זיין די תורה, וואס קיין שום אומה ולשון האט עס נישט געקענט טון, האבן זיי יא געקענט.

**מען** זעהט נאך מער, אז מען איז ארויסגעקומען פון מצרים איז די ערב רב מיטגעקומען. עס איז דא א דעה (מכילתא בא יד) אז די ערב רב זענען געווען מער וויפיל די יוצאי מצרים זענען געווען. און זיי האבן אויך מקבל געווען די תורה. בשעת מתן תורה זענען זיי געשטאנען דארט זיי האבן אויך מקבל געווען די תורה צוזאמען מיט די אידן. — אלע צרות האט מען שפעטער געהאט אין מדבר איז געווען פון די ערב רב. זיי האבן געמאכט דעם עגל, נאך פערציג טאג האבן זיי נישט געקענט אויסהאלטן אן זייער עבודה זרה, און וואו עס איז נאר געווען, ביים זיך אפרעדן אויפן מן וכדומה, אלעס איז געווען דער ערב רב. פארוואס האבן די ערב רב נישט געקענט אויסהאלטן און די אידן יא? ווייל די ערב רב זענען נישט אדורכגעגאנגען קיין שיעובד, זיי האבן געלעבט א גוטן טאג פאר דעם אין מצרים און פלוצלינג האבן זיי זיך דערזעהן מיט א קבלת התורה פון זעקס הונדערט און דרייצן מצות... עס גייט נישט. מען קען נישט פון איין מינוט ווערן א שומר תורה ומצות. זיי זענען נישט אדורכגעגאנגען דעם שיעבוד, האבן זיי נישט געקענט צוקומען דערצו.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, איך גיי משעבד זיין דיינע קינדער זיי וועלן ארויסקומען א פאלק וואס איז אויסגעלייטערט זיי וועלן קענען מקבל זיין די תורה.

**משה** רבינו קומט און ער זאגט פארן אייבערשטן למה הרעתה, פארוואס האסטו שלעכט געטון? — האט אים די אייבערשטער געזאגט, איך האב זיי שלעכט געטון, דאס איז שלעכטס? איך בין זיי מזכך אז זיי זאלן קענען מקבל זיין די תורה, מען קען זאגן עס טוט וויי, יא, דו קענסט זאגן עס איז אומבאקוועם און עס איז ווייטאגליך וואס מען גייט אדורך אין מצרים, אבער זאגן איך האב דיר געטוען שלעכטס? איך האב דיר דאך אפעריערט, דארט האב איך דיר געמאכט אז דו זאלסט קענען שפעטער זיין דעם עם הנבחר...

**וידבר** אלקים אל משה, דער אייבערשטער האט געזעדט צו משה רבינו מדת הדין, ויאמר אליו, ער האט אים געזאגט, דו זאגסט למה הרעתה, אני ה', איך בין דער בעל הרחמים, דאס וואס איך טו דאס איז רחמים, דאס איז נישט קיין דין. דו מיינסט אז דו הערסט די נאקת בני ישראל, און איך הער נישט, וגם אני שמעתי את נאקת בני ישראל, איך הער אויך די ווייטאג פון זיי, אבער ואזכור את בריתי, איך וויל זיי געבן א ברית פון תורה און דאס געדענק איך, און כדי אנצוקומען צו דעם ברית פון תורה דארף מען אדורכגיין דאס וואס זיי גייען אדורך. עס איז נישט קיין למה הרעתה.

**ווען** א מענטש גייט אדורך א שווערן זמן, איז עס אסאך מאל אויסצולייטערן ער זאל קענען צוקומען צו די טובה וואס דער אייבערשטער וויל אים געבן שפעטער. עס קען זיין עס טוט וויי אבער שלעכטס איז עס נישט, נישט אלעס וואס עס טוט וויי איז שלעכט, און נישט אלעס וואס טוט נישט וויי איז גוט. א מענטש נעמט דראגס וכדומה, עס איז זייער באַטעמ'ט זייער גוט, אבער עס איז טוב? עס איז גוט? עס רוינירט דעם מענטש. א מענטש נעמט ביטערע מעדעצינען ער איז נישט באַטעמ'ט אבער עס איז גוט, ווייל דאס היילט אים.

**יעדע** זאך ווענדט זיך דאך וואס די תוצאה וועט זיין דערפון. די תוצאה פון גלות מצרים איז קבלת התורה! ולקחתי אתכם לי לעם, און דעמאלטס וועט עטץ וויסן כי אני ה' אלקיכם, אז עס איז נישט געווען קיין מדת הדין וואס מען איז געווען אין מצרים, עס איז געווען ה' אלקיכם עס איז געווען פון מדת הרחמים.